א ליכטיגן תמיד
אודיגס
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# הדרכה ליל הסדר

## (משנת תשפ"ב)

### פראקטישע דברי הדרכה וויאזוי אפצוערכטן א סדר

אונז ווען דא פארלייגן א סדר הדרכה און הוראות פאר אינגעלייט וואס זיי פירן די ערשטע מאל אליינס א סדר, אדער פאר אינגעלייט וואס האבן שוין אנגעפאנגן פירן א סדר און זיי האבן שאלות און קשיות, קענען זיי דאס אויסהערן און זעהן אויב עס גייט זיי ברענגן עפעס א טובה און א ברכה, גרינגער צו מאכן דאס לעבן.

### א

די ערשטע שאלה וואס עס קומט אלס ארויף ווען מען פירט אלס א סדר: 'וועלכע מנהגים זאל מען זיך פירן?'. דהיינו די מאן האט מנהגים, די פרוי האט מנהגים, און קע"ה ברוך הוי"ה ב"ה עס איז דא אסאך ספרים היינט, און יעדער מענטשן לערנט זיך חסידישע ספרים, מנהגים ספרים, ליקוטים ספרים, און מען זעהט שיינע זאכן, און מען וויל עס אויספירן, וואס איז די ריכטיגע וועג צו טוהן?

די תשובה אויף דעם איז: אז איר וועט קוקן מנהגים ספרים, און איר וועט קוקן ספרים פון צדיקים, פון גדולים, וועט איר זעהן, אז כמעט כמעט טרעפט מען נישט צדיקים וואס זענען געווען פונקטליך א טאטע, א קינד א קינד, אויפן זעלבן מהלך ממש, איך זאג נישט עס איז נישט דא, אוודאי עס איז יא דא, אבער עפ"י רוב איז נישט אזוי צוגעגאנגן כלל ישראל, נישט ביי תלמידי החת"ס, נישט ביי תלמידי הבעש"ט, נישט ביי די תלמידי הגר"א, און נישט ביי די ספרדים.

די סיבה דערפון איז, ווייל יעדע מענטש לערנט, יעדע מענטש האט א חכמה בינה דעת, יעדע מענטש האט זיינע נאטורן, זיינע כאראקטורן, זיינע מעגליכקייטן, זיין קדושה, זיין טהרה, זיין דביקות הבורא, אזוי פיל זאכן וואס איז אריינגעמישט אין א מענטש ווילאנג מען מאכט אן החלטה, א סדר המנהגים, א סדר וויאזוי מען פירט זיך ביי יעדע זאך, און בפרט פסח ווען עס זענען דא אזויפיל מנהגים.

נאכדעם דארף מען געדענקן, אז יעדער גדול, יעדע רבי, האט געהאט א רבי, און געהאט א שווער, א שוויגער, יעדער איינער האט געהאט אנדערע רבי'ס פון וועם מען האט מקבל געווען, יעדער איינער האט זיך אויסגעשטעלט זיין דרך החיים.

צווישן די אלע זאכן וואס אונז האבן מיר פריער אויסגערעדט, וואס מען לערנט אליינס, און מען האט אייגענע נאטורן, אייגענע נטיות, אייגענע חשבונות, און שעבודים, האט זיך אוועקגעשטעלט מנהגים.

עס איז דא אבער זאכן וואס יעדער איינער האט געטוהן די זעלבע. דהיינו, עס איז געווען צווישן די חומרות און די מנהגים אין פסח זאכן וואס מען האט געשמועסט אלס, 'ביי אונז האט מען מקפיד געווען' 'ביי אונז האט מען מחמיר געווען', וואס אויף דעם איז געווען וואס יא, געווען וואס נישט.

עס איז געווען אבער זאכן וואס איז געווען אנגענומען ביי די משפחה, ביי די קהילה, ביי די חסידות, אלס א 'יסוד', דארט וואו עס איז געווען אנגענומען אלס א יסוד, מען האט גערעדט דערפון, מען האט געקאכט דערין, מען האט דאס אריינגעלייגט אין די חינוך פון די קינדער, פון די תלמידים, פון די חסידים, די זאכן פלעגט מען זייער מקפיד זיין לכתחילה נישט משנה זיין.

ממילא ביי דיר אויך אזוי. דו מוזט נישט פסח'דיג מאכן, נישט די מאן ווי ביי זיין טאטע מאמע, און נישט די פרוי ווי ביי איר טאטע מאמע, מען קען נישט נאכמאכן פונקטליך. די טאטע און די מאמע דארפן זיך אראפזעצן צווישן זיך און מיט די קינדער און אויסרעכענען וואס איז די הלכה, וואס איז א מנהג, וואס ביי אונז איז געווען זייער שטארק אנגענומען אז מען מוז טוהן, וואס על פי תורה איז די פרוי משועבד צו די מאנס מנהגים, און די מאן איז נישט משועבד צו די פרוי'ס מנהגים.

אבער מען קען דאך נישט אזוי פירן א שטוב אז די פרוי זאל פארגעסן פון איר טאטענס שטוב, זאכן וואס מען האט אזוי מחנך געווען און אריינגעלייגט, עס וועט אוועקנעמען פון די פרוי די הנאה פון פסח'דיג מאכן, די הנאה פון א שמחת יו"ט. און אין די תורה שטייט אז מען דארף משמח זיין די גאנצע משפחה. א חלק פון שמחת יו"ט איז ווען די פרוי איז א חלק פון די צוגרייטן די יו"ט, און די יו"ט אליינס. און ממילא האבן אונזערע צדיקים אונזערע גדולים אוודאי יא אסאך געגעבן פאר די מנהגים פון די פרוי'ס משפחה, ווייל דאס ברענגט שמחת יו"ט, עס ברענגט שמחת החיים, און עס ברענגט אויכעט א געוואלדיגע שלום אין שטוב, וואס דאס איז די וויכטיגסטע זאך.

און ממילא זעצט מען זיך אראפ איבערצושמועסן 'איך וואלט זייער געוואלט די מנהגים, וועלכע מנהגים וואלסטו געוואלט? פארוואס ווילסטו עס? וואס שטערט דיר אויב איך וועל עס נישט טוהן? וואס שטערט דיר אויב איך וועל עס יא טון?' מען שמועסט עס אויס, מען ברענגט די מקורות פון יעדע זאך, מען טראכט איבער ווי הארב עס איז געווען ביי יעדע משפחה, און פארשטייט זיך געב א מתנה פאר די בני בית אז דיין טאטענס א מנהג, דיין טאטענס מנהגים געוויסע, עס איז זייער שיין, איך האב הנאה דערפון, איך וויל

עס אויך טון. און נאכדעם נעמט מען פון די ספרים און מען זעט וואס איז א שיינע זאך צו טוהן, און מען קען עס טון.

אבער איין זאך נעם דיר א יסוד: איבעררייסן קומט מען אין ערגעץ נישט אן! עס איז דא מענטשן וואס זיי פארגעסן, דו מאכסט דיר מנהגים, דו מאכסט זאכן, און דו האסט הנאה דערפון, דו האסט די נאטור, דו האסט די חשק, דו האסט די ליבשאפט צו די מנהג, און דו האסט די געשמאק, און דו האסט די רואיגקייט. אבער די קינדער האבן נישט די רואיגקייט, די בני בית האבן נישט די רואיגקייט, נישט יעדע שיינע מנהג פון א ספר קען מען טון.

עס איז וויכטיג צו וויסן: יעדע זאך וואס עס קאסט געלט, עס קאסט צייט, און עס קאסט ארבעט, אדער עס לייגט א פרעשער, אן אנגעצויגנקייט, די אלע מנהגים איז געמאכט געווארן פאר די מענטשן וואס זיי קומען פון יענע פלאץ אדער זיי קענען עס אויספירן. עס איז דא מנהגים וואס מען קען אויספירן ווען די קינדער זענען גרעסער, עס איז דא מנהגים וואס מען קען אויספירן ווען מען האט שוין חתונה געמאכט די קינדער. ווען מען האט א שטוב פון קליינע קינדער איז דא זייער אסאך מנהגים וואס מען קען נישט טון, ווייל עס ברענגט כעס, עס ברענגט אויפרעגעניש, עס נעמט אוועק אסאך צייט.

איז ממילא די סך הכל וואס מיר האבן יעצט געזאגט פון מנהגים אויף פסח'דיג מאכן, מנהגים פון בדיקת חמץ, מנהגים פון די גאנצע סדר נאכט, איז: די ערשטע זאך איז, עס זאל שטימען מיט דיר און מיט דיין בני בית, עס זאל שטומען מיט די מצב אין שטוב פון וואסערע קינדער דו האסט, און וועלכע יארגאנג זיי זענען און וויפיל כח און געדולט זיי האבן, און עס דארף אויך זיין א זאך וואס איז מעגליך עס צו טוהן באופן וואס קיינער וועט נישט ווערן ווי געטון און עס וועט נאר ברענגן א שמחת יו"ט.

ווייטער פון מוותר זיין אויף מנהגים איז די זעלבע זאך, אוודאי טאמער דו האסט ספיקות רעד עס אדורך מיט א דעת תורה, רעדט עס אדורך מיט א רבי מיט א רב מיט א גדול, אוודאי מען דארף עס דורך רעדן, אבער געדענק אין דיין מח: מען דארף קענען מוותר זיין אויף געוויסע מנהגים אויב דאס גייט ברענגן א שמחת יו"ט, אויב דאס גייט ברענגן אז דיינע קינדער וועלן מער הנאה האבן און מיטלעבן מיטן יו"ט, מעג מען מוותר זיין אויף געוויסע מנהגים. עס איז דא מנהגים וואס מען דארף מתיר נדר זיין אויב מען איז מוותר דערויף, און עס זענען דא מנהגים וואס מען דארף נישט מתיר זיין, דאס דארף מען דורכטון יעדער איינער פאר זיך מיט א מורה הוראה.

אבער געדענק די יסוד פון פסח'דיג מאכן און פון פירן א סדר איז: אז עס זאל זיין א שמחת יו"ט, א געשמאק, דו זאלסט זיצן ביים סדר מיט א גרויסע שמחה ווי א מלך, די בני בית זאל זיצן ביים סדר ווי א מלכה, און די קינדער זאלן מיטלעבן א סדר, דאס איז די יסוד. אויף וועלכע מנהגים יא און וועלכע מנהגים נישט, חוץ געוויסע שטארקע גרויסע מנהגים וואס איז מוראדיג אנגענומען ביי ענק אין די משפחה אז קיינער האט אויף דעם נישט מוותר געווען, דאס וואלט איך נישט געזאגט אז מען זאל

מוותר זיין, ח"ו, ווייל סדר נאכט איז זייער שטארק אוועקגעשטעלט אויף מסורה.

מסורה האט אוועקגעשטעלט אונזער אמונה, אן די מסורה ח"ו וואלט נשתכח געווארן די תורה הקדושה, די גאנצע תורה וואס אונז האבן היינט איז מסורה, דארף מען אויף דעם זייער מקפיד זיין. און פארשטייט זיך אויב עס איז שווער פאר די בני בית אויב עס איז שווער פאר די קינדער דארף מען זיי אריינברענגן דערין פראבירן עס צו מאכן אויף די לייכסטע אופן

יעצט לאמיר אריינגיין אין משלים. למשל ביי ענק האט מען געמאכט מאסט, דיין בני בית וויל נישט מאכן מאסט, זי קען נישט מאכן מאסט, א שטוב מיט קליינע קינדער, עס איז נישט דא ווען עס צו מאכן, עס איז נישט וואו עס צו מאכן, עטץ האטס נישט קיין געהעריגע פסח קאך, און אפילו עטס האטס יא א געהעריגע פסח קאך זי איז נישט ביכולת. אין אזא צייט דארף מען געדענקן אזוי: די ערשטע זאך מען קען קויפן היימישע מאסט.

די צווייטע זאך אפשר אויב עס וועט נישט שטערן פאר די בני בית מאך עס אליין, לייג עס נישט ארויף אויף די בני בית, און זאג קלאר פאר די בני בית: איך מאך יעצט די מאסט עס גייט נישט בלייבן א שעבוד אויף דיר ווייל איך האב די יאר געמאכט, די אנדערע יאר וועסטו דארפן מאכן, אונז זעמיר קלאר, איך מאך עס ווייל יעצט בין איך ביכולת טאמער איך וועל נישט זיין ביכולת צו מאכן קיין מאסט, יענע יאר וועט מען דן זיין וואס אונז האב מיר צו טון, מען קען קויפן מאסט און מען קען אויכעט טרינקן גרעפ דזשאס.

מען האט שוין געזען אזא זאך אין געוויסע שטובער עס איז נישט געווען קיין מאסט האט מען געטרינקן גרעפ דזשאס. עס איז כשר, עס איז ריין, עס איז ערליך, מען מעג טרינקן גרעפ דזשאס. וועל דיך אויס א קאמפעני וואס איז ביי דיר די שענסטע און די בעסטע און דו האסט מער טראסט אין זיי, יענע גרעפ דזשאס זאלסטו טרינקן.

מען דארף געדענקן אז גרעפ דזשאס גייט נישט אריין אין די גדר פון זיך מישן ווייל עס איז נישט געמאכט ביי א פריוואטע מענטש, עס איז אונטער אן השגחה, א קאמפעני, וואס גארנישט קומט נישט אריין, עס איז אינגאנצן געמאכט געווארן נאר לשם אידישע קינדער זאלן האבן וויין און גרעפ דזשאס אויף יו"ט פסח.

דער זיידע ז"ל פלעגט טרינקן קדם-וויין, ליפשיץ-וויין אין די אלטע צייטן, שפעטער האט מען געמאכט היימישע וויין האט ער געטרינקן היימישע וויין, אבער ווען עס איז נישט געווען האט ער געטרינקן געקויפטע וויין. נישט יעדער איינער קען מאכן אליין וויין, און נישט יעדער איינער קען מאכן אליין מאסט מאסט, איז א חומרא א שיינע, א הערליכע, ביי אונז טוט מען עס, אבער עס דארף קומען באופן ווי מען קען עס מאכן, אויב מען קען נישט און עס איז נישט מעגליך, גרעפ דזשאס הייסט נישט אין די הינזיכט געמישט, כאילו מען עסט פון יעדעם איינעם'ס קאך, ווייל עס איז אונטער אן הכשר עס איז אונטער ערליכע אידן וואס זיי מאכן נאר דאס.

ווען איך זאג אז עס הייסט נישט געמישט, אוודאי עס הייסט מער

געמישט ווי נישט געמישט, אבער עס איז נישט די גרויסע חומרא פון זיך מישן, די גרויסע חומרא פון זיך מישן איז בעיקר עסן פון יענעמס קאך וואס יעדער מאן און יעדע פרוי פסק'נט זיך זיינע אייגענע שאלות.

ווען עס קומט צו די חומרא פון כלים וואס פאלן אראפ אויף די ערד. די ערשטע זאך איז דו מוזט קויפן פלעסטיק און פאפיר אפילו עס קאסט טייער און אפילו עס איז אסאך געלט, ווייל ארויפלייגן אויף קליינע קינדער די עול פון כלים וואס פאלן אראפ נישט צו ניצן אין יו"ט איז כמעט נישט מעגליך, עס נעמט אוועק יעדע זיסקייט און טעם און געשמאק פונעם יו"ט, און דער היילינגער באשעפער האט באשאפן פלעסטיק און פאפיר לכבוד יו"ט.

און אויב דו וועסט זאגן אז 'ביי אונז האט מען זיך נישט באניצט מיט פלעסטיק און מיט פאפיר אין יו"ט' גיי איך דיר ענטפערן: ווייל אמאליגע צייטן האט מען געלייגט אויף פלעסטיק און פאפיר, סטארטש [געוויסע פאודער] און עס איז געווען א שאלה פון קטניות צו פון חמץ. היינט ברוך הוי"ה ב"ה האמיר שוין מיט א הכשר וואס האט נישט ארייגעמישט קיין שום פאודער, און קיין שום שאלות ליגן נישט דערין און מען קען עס ניצן לכתחילה און אויב דו פריוואט ווילסטו עס נישט ניצן, ניץ עס נישט פאר דיר וועט מען אוועקלייגן עקסטערע כלים, אבער לייג עס נישט ארויף אויף די בני בית און אויך נישט אויף די קינדער.

די זעלבע זאך איז ווען עס קומט צו וועלכע מאכלים מען עסט. עס זענען דא מענטשן וואס זיי עסן נישט קיין מילכיג עס איז דא מענטשן וואס זיי עסן יא מילכיג. עס זענען דא מענטשן וואס עסן נישט קיין אוואקאדא עס זענען דא מענטשן וואס עסן יא אוואקאדא. עס זענען דא מענטשן וואס זיי עסן נישט קיין מאלאנא עס זענען דא וואס עסן יא מאלאנא. עס זענען דא וואס עסן נישט קיין פיקלס איגערקעס עס זענען דא וואס עסן יא. און אזוי ווייטער.

עס זענען דא וואס עסן פיש עס זענען דא וואס עסן נישט קיין פיש. די אלע זאכן זענען חומרות על פי המסורה, אין הלכות פסח האבן מיר אויף דעם נישט קיין שום שאלה נישט, אין הלכות פסח איז נישט קיין חילוק צווישן א קארפ פיש וואס לעבט אדער א סעמאן פיש וואס לעבט, אדער א לעבעדיגע פייק פיש.

די גאנצע שאלה איז אמאל געווען נאר ווייל מען פלעגט ברענגן פיש פון די מרחקים און מען האט אריינגעלייגט חמץ ספירעד כדי מען זאל נישט אפשימלען, וואס די אלע זאכן טוט מען נישט, און מען קען היינט האבן לעבעדיגע פיש. ווילסט אנהאלטן די מסורה? הלוואי, עס איז א גוטע זאך, אונז טו מיר אויך אזוי, אונז פראביר מיר אנצוהאלטן די מסורה, אבער שמחת יו"ט און געבן פאר די קינדער א נארמאלע יו"ט און פאר די בני בית, ווייל זיי קענען נישט עסן די קארפן פיש מיט די גרויסע ביינער, די היינטיגע דור איז נישט צוגעוואוינט צו עסן פיש מיט די גרויסע ביינער, אז מען קען נישט עסט מען סעמאן פיש, די געשעפט האט לעבעדיגע סעמאן מען דארף נישט מחמיר זיין צו עסן דוקא קארפ און צעברעכן די גאנצע שמחת יו"ט.

און אפילו בכלל יא עסן פיש און נישט עסן פיש איז אויך נאר ווייל אין די מדינה האט מען יא געקענט און אין די מדינה האט מען נישט געקענט, ממילא האבן מיר געזעהן אסאך גדולים וואס די עסן פיש האט זיך זייער שטארק געוואנדן אין די בני בית, אויב די בני בית האט געוואלט האט מען געגעסן און אויב די בני בית האט נישט געוואלט האט מען נישט געגעסן. אסאך רבי'ס איז עס געווען תלוי אין זייער רביצין, דאס זענען נישט זאכן אויף וואס מען דארף זיך פארלייגן און זיצן דערויף און איבערקערן א שטוב. הלואי אויב דו קענסט משכנע זיין אויב אלעס ארבעט זיך אויס, געזונטערהייט! אבער נישט יעדע מענטש איז ביכולת אויף יעדע פון די מיני שווערע חומרות בזמנינו אנצוגיין דערין.

אבער ווען עס קומט צו אזעלכע זאכן וואס שטייט שוין אין הלכה, צו מען טרינקט יא ברוינפן אדער נישט. צו מען עסט קנאבל אדער נישט. צו מען שמעקט בשמים אדער נישט. דאס איז שוין הארבע זאכן עס איז דא משפחות וואס האבן זייער מחמיר געווען, אבער די זאכן שטייען שוין אין שלחן ערוך, עס ווערט געברענגט אין די פוסקים, צו מען עסט יא צוקער צו מען עסט נישט צוקער. דאס זענען זאכן וואס שטייט אין שלחן ערוך.

איז ממילא פאר דו ווילסט ברענגן א חומרא אדער אוועקנעמען א חומרא אדער מקבל זיין א נייע חומרא דארפסטו קוקן אין די ליקוטים ספרים אדער זיך נאכפרעגן, צו די חומרא איז געבויעט אויף א פראבלעם וואס איז געווען אין יענע מדינה, צו די חומרא איז געבויעט אויף אן הלכה'דיגע שאלה אין די פוסקים. אפילו אויב היינט איז שוין למשל נישט דא די שאלה אבער וויבאלד עס איז געבויעט געווארן אויף אן הלכה, דא איז שוין שטארק דא אן ענין פון א מסורה אין אן הלכה וואס מען האט אנגענומען להלכה די שאלה, און דאס איז שוין זייער א שטארקע זאך און האט שוין געוואלדיגע הארבקייטן.

## ב

ווען עס קומט צו פירן א סדר דארף מען געדענקען אז מען טאר נישט אויספייניגן די קינדער. עס ווענד זיך שטארק אין די יארגאנג פון די קינדער. זייער אסאך עלטערן פלעגן מאכן אז אנפאנג סדר ביז די מה נשתנה און נאכדעם אין עבדים היינו האבן זיי מער פארברענגט מיט אויסרעדן, מיט פארציילן מעשיות, מיט רעדן צו די קינדער. און די איבריגע הגדה זאגן האט מען נישט ארויפגעלייגט אזא עול אויף די קינדער. דאס האט די טאטע געזאגט הויך, די מאמע אויב האט זי געקענט האט זי מיטגעזאגט, טאמער נישט האט זי געהיטן אויף די קינדער, און מען האט זיך אפגעשטעלט ביי שיינע שטיקלעך, צו ביי די עשר מכות און יעדער איינער ביי מצה זו מרור זו.

מען דארף פירן א סדר מיט שכל. מען קען נישט פירן א סדר ווי מיין טאטע, מען קען נישט פירן א סדר ווי מיין שווער, און נישט ווי מיין רבי. מען דארף פירן א סדר לויט דיין ווייב, לויט דיינע קינדער. מען דארף טון אלעס אין די וועלט אז די קינדער זאלן ליב האבן די סדר, אבער מען קען נישט פרעשערן. יא, א סדר נאכט מיט קליינע קינדער, זיי גיסן אויס, זיי לאכן ארום, זיי קוקן בילדער, זיי

גייען ארויס, זיי רעדן צווישן זיך, אזוי זעט אויס א סדר מיט קליינע קינדער.

אוודאי טאמער א קינד איז שוין פון ניין יאר און ווייטער דארף מען זיין מער ווארעמער און רעדן צום קינד און האלטן מער לעבן זיך, כדי די קינד זאל מער מיטהאלטן. אבער געדענק ער דארף אויך עסן א טשאקלאד אינדערמיט, און ער דארף אויך קנאקן א ניסעלע אינדערמיט, און ער פארקוקט זיך, ער קען נישט זיצן אזוי לאנג און זאגן און הערן, און ער פארשטייט אפילו נישט אלעס און ער שפרינגט ארויס פון די הויט.

א טאטע ווען ער זיצט ביים סדר דארף ער וויסן אז צו זיצן ביים טיש קינדער אזויפיל שעה א גאנצן צייט ובפרט בזמנינו, עס איז באמת כמעט נישט מעגליך. די וועג איז: מאך א געשמאק יעדע צען מינוט, יעדע שטיקל. אבער געב פלאץ וואו די קינדער קענען זיך פארקלאצן, זיי קענען זיך פארשפילן, זיי קענען עפעס עסן, כאילו דו זעסט נישט, זיי קענען אביסל זיך לופטערן. יא, אזוי דארף אויסקוקן א סדר, עס איז גארנישט קיין פראבלעם!

איך ווייס מענטשן וואס ביי כרפס געבט מען פאר די קינדער אסאך פאטעטעס איינגעטינקן אין זאלץ וואסער זיי זאלן האבן וואס צו עסן, ביי די מה נשתנה געבט מען טשאקלאד מיט ניסלעך, און ווען מען האלט אינמיטן זאגן די הגדה ברענגט מען אריין אביסעלע פלייש פאר יעדעם איינעם. דו דארפסט געדענקן, אז פירן א סדר נעמט נישט קינדער און מאכט זיי אויס קינדער, קינדער זענען קינדער.

## ג

נאכדעם הייבט זיך אן די שאלה וועגן די קינדער זאגן תורה. די אמת איז עס איז זייער א שווערע זאך ביי א סדר אז א קינד זאל זאגן תורה, ווייל א טאטע מוטשעט זיך צו האלטן א קאנטראל און האלטן א מצב און יעדער זאל מיטהאלטן. ווען א קינד זאגט תורה ווערט שטיל און די אנדערע האבן נישט קיין געדולט דערצו, און ממילא קען מען פארלירן די סדר. און אסאך מאל די טאטע ווערט שטערנג און עס ווערט א שרייעדיגע מצב, דאס טאר מען נישט מאכן, א סדר דארף זיין שמחה שמחה שמחה כולו שמחה.

איז ממילא, עס וואלט געווען א מורא'דיגע גוטע זאך ווען מען מאכט אפ מיט די קינדער אזוי: די עיקר תורה וואס זיי האבן געלערנט זאלן זיי זאגן ביי די בייטאג סעודות נאכמיטאג די טאטע וועט זיצן מיט זיי, זיי אויסהערן די תורות. ביים סדר דארף יעדער טאטע מאכן א סדר מיט די קינדער, דו זאגסט ביי די שטיקל, דו זאגסט ביי דעם שטיקל, און דו זאגסט ביי דעם.

אבער זיי קענען נישט זאגן יעדע מינוט א תורה, ווייל דאס צעברעכט א סדר, און דאס מאכט אומגעדולדיגט די אנדערע קינדער, חוץ אויב עס איז א טאטע וואס ער האט זיך פארגעקוקט די אלע תורות פון די קינדער, און דער קינד זאגט עס און די טאטע איז עס שיין מסביר און געבט עס איבער פאר די קינדער, און ער שפירט אז דאס איז א חיות פונעם גאנצן סדר אדרבה ואדרבה אבער על פי רוב ארבעט זיך עס שווער אויס.

די יסוד איז נישט, צי די קינדער זאגן יא תורה צו נישט. די יסוד איז: מען דארף פירן א סדר אויף א וועג ווי עס זאל גיין מיט געשמאק.

ווייטער ווען קינדער לערנען מנהגים און טעמים פון די סדר, דאס דארף יא א טאטע האלטן אין איין פרעגן: 'פארוואס טוט מען דאס? וואס האט עטץ געלערנט? וואס האט עטץ געלערנט וועגן פרעה? וואס האט עטץ געלערנט וועגן משה רבינו? וואס האבן ענק געלערנט וועגן קריעת ים סוף? וואס האבן ענק געלענרט וועגן די מכות?'.

און די שענסטע און די בעסטע איז אויב עס איז דא צייט ווען די טאטע זאל זיך פאראויס קוקן וואס די קינדער האבן געלערנט, האלטן א שטיקל סדר און אן ארדענונג, אז די אנדערע קינדער זאלן עס קענען מיטלעבן און הנאה האבן, און אויך טאמער עס איז דא עטליכע קינדער און יעדער האט געלערנט די זעלבע זאכן, מאכט מען אפ: 'דו וועסט זאגן די טעם, דו וועסט זאגן די טעם'.

און טאמער עס איז דא צוויי טעמים, מאכט מען אפ: 'דו וועסט זאגן די ערשטע, און דו וועסט זאגן די צווייטע'. און די טאטע רעדט עס אויס. אבער טאמער עס איז דא עלטערע קינדער און בחורים און גרויסע מיידלעך אדער אפילו חתונה געהאטע קינדער, איז זייער שווער ווען די קליינע קינדער רעדן אזויפיל אריין, די אנדערע ווערן פארלוירן, דארף מען אויף דעם זייער היטן. נאכאמאל די יסוד איז: אז די סדר זאל צוגיין מיט א סדר פון שמחה, ווי יעדער זאל עס קענען מיטלעבן.



א טאטע דארף אבער אויך געדענקן, ווען קינדער לאכן אדער זיי שמועסן צווישן זיך, אדער זיי מאכן א געלאכטערייי צווישן זיך, ווען עס גיסט זיך אויס וויין, ווען עס דרייט זיך איבער א כלי, ווער נישט אין כעס, ווער נישט אויפגערעג.ט איך וועל דיך פארציילן א סוד: אזוי זעהט אויס א סדר וואו עס איז דא קליינע קינדער... און דאס איז א חלק פון די שמחת יו"ט פון די קינדער.

קינדער קענען נישט איינזיצן. מען דארף האבן א רואיגקייט און סובל זיין קינדער ביים סדר נאכט. איינע פון די ארבעט, און די שווערע ארבעט פון די עלטערן איז, סובל זיין די קינדער סדר נאכט, זיי גיסן אן די כוסות, זיי גיסן אויס די כוסות. מען דארף צוגרייטן אזא מין טישטיך אויפן טיש וואס עס קען זיך גיסן וויין בהשפעות, אז די קינדער זאלן נישט שפירן קיין פרעשער און קיין אנגעצויגנגייט ביים סדר.

עס איז דא נאך א זאך: מען קויפט נייע וועש פאר די קינדער אויף יו"ט, און א גאנצן סדר זענען די פרויען פארנומען אז זיי זאלן נישט שמוציג ווערן. אדער טו זיי אן אלטע וועש, אדער קויף ספעציעלע שיינע וועש צום סדר וואס זיי קענען שמוציג מאכן, מען וועט עס נישט דארפן א מינוט נאכן סדר. דאס לייגן א פרעשער אן אנגעצויגנקייט אויף די קינדער זאלן זיך נישט שמוציג מאכן ביים סדר, דאס נעמט אוועק די גאנצע געשמאק, די שמחת יו"ט. די קינדער וועלן דיר מוחל זיין, זי וועלן גיין מיט וואכנדיגע בגדים נאר לייג נישט קיין פרעשער. ביים סדר נאכט ווערט מען שמוציג, מען ווערט אנגעגאסען, אזוי זעהט אויס סדר נאכט. עס איז אויכעט אז די קינדער ווילן האבן אנגעפילטע

כוסות. נו, קויף געגוג מאסט און גענוג גרעיפ דזאס און גענוג פון אלע מיני טרינקען, הוצאות יו"ט, די קינדער זאלן זיך קענען גיסן. און ביי די עשר מכות לאז זיי גיסן בשפע, און ביי דצ"ך עד"ש באח"ב זאלן זיי אויסגיסן די גאנצע בעכער... געב א רואיגקייט, א פרייליכקייט.

א סדר נאכט איז נישט קיין זמן פון מחנך זיין די קינדער אויף ריינקייט, און אויף די אלע פרטיות'דיגע שטוב הנהגות. סדר נאכט איז געמאכט געווארן אז די קינדער זאלן הנאה האבן פון די אמונה, מעשיות פון צדיקים, די מעשיות פון יציאת מצרים, אריינלייגן קדושה אריינלייגן טהרה.

און געדענק די קינדער הערן אפילו ווען זיי שמועסן, אפילו ווען זיי שפרינגען, אפילו ווען זיי ליינען, איר וועט נישט גלייבן וויפיל די קינדער כאפן אויף וואס די טאטע רעדט ביים סדר נאכט און סתם ביי א שבת און יו"ט, בשעת זיי טאנצן ארום און זיי שפירנגן סאך מער ווי ווען דו צווינגסט זיי דיר צו קוקן אין פנים אריין מיט א מורא'דיגע פרעשער און אן אנגעצויגנקייט. אונז וויל מיר אריינברענגען אין אונזערע קינדער ביים סדר נאכט א זיסע אידישקייט, א פרייליכע אידישקייט, א מוראדיגע באטעמטקייט.

## ה

לאמיר זאגן נאך א משל, וועגן מרור. עס זענען דא וואס זענען זייער מקפיד מען מוז עסן די שארפע מרור. און טאמער דיינע קינדער ווילן נישט עסן די שארפע מרור, גרויסע צדיקים האבן נישט געגעסן די שארפע מרור זיי האבן געגעסן די לעטערס.

ווילסט נישט זיי זאלן עסן די בלעטער וועגן די שאלה פון ווערים? זאלן זיי עסן די מיט, די שטאם, אזוי ווי אסאך ערליכע אידן האבן געטוהן, אבער דו קענסט נישט ארויפצווינגן אויף דיינע קינדער צו עסן די ביטערע מרור, ווייל עס שטייט נישט אין ערגעץ אז מען דארף היסן און דערשטיקט ווערן ווען מען עסט מרור. נישט יעדער מענטש קען עסן די מרור. איך געדענק ביים **זיידן ז"ל** האט ער קלאר שטענדיג געזאגט: ווער עס קען זאל עס עסן, ווער עס קען נישט נעם די אנדערע מרור. עס איז דאך דא א סיבה פארוואס חז"ל געבן אונז אן אויסוועל פון אסאך מרור, מען מוז נישט עסן די ביטערע מרור.

## ו

עס איז דא מענטשן וואס זיי צווינגען ארויף אויף די קינדער צו טרינקען דווקא וויין און נישט קיין גרעפ דזאס אדער מאסט. מען איז יוצא מיט גרעפ דזאס און מאסט די ארבע כוסות, מען דאַרף נישט ארויפצווינגן די אלע זאכן אויף די קינדער.

## ז

אויך דארף מען מאכן זיכער אז בשעת די סדר עס זאל נישט זיין אויף די טיש קיין שום זאכן וואס קינדער האבן א תאווה צו צעברעכן, אדער קינדער קענען דאס נישט אפהיטן. למשל בשעת מען זאגן די הגדה און דו האסט דיינע דריי מצות אין די מצה טאש... איך וועל זיך זאגן די אמת, ווען איך בין געווען א טאטע פון קליינע קינדער האב איך

געהאט דריי מצות אין די מצה טאש, אבער נישט די דריי מצות וואס איך האב געניצטביים סדר, איך האב גענומען אנדערע דריי מצות.

כאטשיג נישט אזוי שטייט אין די מנהג און נישט אזוי שטייט אין די הלכה, אבער עס איז דא א וויכטיגע הלכה אז מען דארף האבן לחם משנה, און מען עסט נישט קיין געבראקס. אבער איך האב געוויסט אז אויב איך וויל פירן א סדר און מיינע קליינע קינדער גייען זיך דרייען ארום מיר און זיי גייען האקן און טאטשן און ווילן זעהן, און איך וויל זיי זאלן לעבן ביים סדר און איך וועל נישט זיין פארנומען א גאנצן סדר צו לייגן א פרעשער, האב איך ארייננגעלייגט דריי אנדערע מצות נאר די יחץ מצה איז געווען די ריכטיגע מצה ווייל דאס דארף דאך נישט זיין קיין שלום, און תיכף נאך די מה נשתנה נעמט מען שוין ממילא ארויס איין האלב, און אזוי האבן מיר געהאט זייער א שיינע רואיגע סדר, און די זעלבע זאך האב איך נישט געהאלטן ביים סדר די האנטיך ווייל איך האב מורא געהאט עס וועט אראפפאלן אויף די ערד.

## ח

און עס איז דא נאך א זאך. זייער אסאך עלטערן פון קינדער האבן מורא אז די קיטל וועט ווערן אנגעגאסן אדער שמוציג. אדער האב צוויי קיטלעך, אויב דו האסט נישט קיין געלט דערפאר, עס איז צו טייער, זיי נישט אזוי מקפיד, וועט די קיטל אביסל שמוציג ווערן, אבער די נשמה פון דיין קינד וועט זייער הנאה האבן.

## ט

מען דארף אויך זייער שטארק, היינטיגע צייטן, מקפיד זיין, אפילו ביי זייער אסאך עלטערן האט מען געכאפט די כזיתים, געכאפט די מרור, כורך און שלחן עורך האט מען קוים קוים אריינגענומען און שוין געכאפט די אפיקומן. אונז דארף מיר היינט מאכן זיכער אז עס איז דא א געהעריגע שלחן עורך, אונזערע קינדער זענען מער געספוילטע קינדער, זיי זענען הונגעריג זיי ווארטן שטארק ארויס אויף די סעודה, און צו עסן די אפיקומן נאך חצות איז נישט קיין בע'טעמ'טע זאך, עס איז זייער וויכטיג אז מען זאל עסן די אפיקומן פאר חצות.

און ממילא איז זייער א וויכטיגע זאך, רעד וויינעגער ביי די הגדה, מאך זיכער אז דו האסט א שעה און פינף מינוט פון גאל ישראל ביז די אפיקומן, דאס טייטש אויב חצות איז פינף צו איינס, זאלסטו צען צו צוועלף זיין פערטיג גאל ישראל, וועסטו האבן רואיג בריוח צייט, אז דו וועסט נישט דארפן ווערן אויפגערעגט, און די קינדער וועלן דיך נישט אויפרעגן, מען וועט קענען מסדר זיין א שיינע סעודה פאר די קינדער, מען וועט קענען זינגן אביסל זמירות, פארציילן א מעשה.

היינט פעלט אויס די סעודה בי שלחן עורך זאל זיין א גוטע און שטארקע חלק פונעם סדר, אונזערע קינדער זענען מער געספוילט, זיי דארפן א גוטע סעודה, א רואיגע סעודה, די בני בית דארף האבן צייט צו אויסטיילן די פיש און זיך

אראפזעצן עסן, און נאך מסדר זיין א קינד, און נאכדעם ברענגן די זופ, און נאכדעם די פלייש מיט די קוגל און די קאמפאט אויף א רואיגע אופן, און פארדעם זאלן די קינדער קענען עסן ביי מוציא מצה געננג מצה, מרור, די כורך, מען זאל קענען אביסל רעדן צו די קינדער צווישן די כזיתים, און מען מעג זינגן א ניגון אריינברענגן א ווארימקייט, אונז דארף מיר היינט זייער שטארק די ווארימקייט די רואיגקייט בשעת עשיית המצוות, אז אונזערע קינדער זאלן זיך לעבן דערין.

## די השראה זאל פארבלייבן

עס ווערט פארציילט, אז אמאל האט איינער אנגעוואונטשן פאר הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל בדיקת חמץ ביינאכט: "דער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין מארגן ביים סדר נאכט צום השראת השכינה!". האט דער שבט הלוי רעאגירט: צו השראת השכינה גייען מיר זעבער זוכה זיין, ווייל אזוי שטייט דאך אין זוהר הק', אז די גאנצע פמליא של מעלה קומט אראפ צו הערן די סיפור יציאת מצרים, מיר דארפן זיך נאר וואונטשן אז די השראת השכינה זאל בלייבן ביי אונז אויף לאנגע יארן, און עס זאל חלילה נישט נסתלק ווערן!".

איי מען דארף דאך אויך מקיים זיין א זכר לחפזון? די זכר לחפזון וועט מען מקיים זיין מיט דעם אז תיכף ווען מען קומט אהיים זאל מען זיך שנעל זעצן צום סדר, און אויכעט אז מען זאל עסן איין ביסעלע שנעלער ווי מען עסט א שבת'דיגע יום טוב'דיגע סעדוה. אבער געב צייט, געב צייט.

## י

אויך איז דא א עצה פאר א שטוב וואו עס זענען דא מערערע קינדער אז מען זאל צוגרייטן פאר די וואס דארפן עסן א שיעור מצה, זאל מען צוגרייטן פעקליך, פאר די בחורים קען מען נאר מרור, ווייל זיי דארפן דאך האב לחם משנה, אבער פאר די מיידלער פאר די עזרת נשים קען מען מצה אויך, און פאר די קינדער אונטער די בר מצוה קען מען צוגרייטן שיעורים. צוויי כזיתים פאר מוציא מצה, איין כזית פאר כורך, צוויי פאר אפיקומן. און די זעלבע זאך די מרור.

מען קען קויפן א ספר וואו עס שטייט די שיעורים, מען קען קויפן א וואג און מען פאקט איין פעקליך און דאס מאכט אז די סדר זאל גיין אסאך שנעלער. און נאך עצות וואס מענטשן קענען האבן אריינצוברענגן א רואיגקייט און א פרייליכקייט און א רואיגער אטמאספער אינעם סדר נאכט.

## יא

עס איז דא עלטערן וואס זיי ווילן שפירן ביים סדר א דערהויבנקייט א מורא'דיגע הויכקייט, און זיי הייבן אן מאכן דביקות הבורא ית"ש ויתעלה, און זיי פליען אין גרויסע אטמאספערן. עס איז זייער א שיינע זאך, אבער דאס איז נישט געמאכט געווארן ביים סדר נאכט.

סדר נאכט איז די מצוה פון והגדת לבנך, רעד צו די קינדער, לעב זיך מיט די קינדער, קאך זיך מיט די קינדער, געב אריין אין די קינדער א חיות, לאז דיר אראפ, מן ההר אל העם, דאס איז זייער א וויכטיגע זאך וואס מען זאל געדענקן ביים סדר נאכט.

## יב

אויכעט דארף מען געדענקן ביים סדר נאכט, מכבד צו זיין יעדן קינד עקסטער. יעדע קינד זאל זיך פילן חשוב, צו ער האט א מציון קאפ, צו ער האט א בינוני קאפ, צו ער האט א שוואכע קאפ. יעדע קינד מכבד זיין און געבן כבוד מלכים, יעדע קינד זאל זיך שפירן דערהויבן. ווען א קינד זאגט א תורה און דו ווייסט ער קען נישט אזוי גוט עברי, און ער קען עס נישט אזוי גוט נאכזאגן, זאג עס מיט מיט אים, מאך אים שפירן ממש דאס העכסטע. דאס איז זייער וויכטיג ביים סדר נאכט אז יעדע קינד זאל זיך שפירן חשוב און דערהויבן.

ווייל א סדר נאכט איז געמאכט געווארן, אמונה, מסורת אבות, די קינדער זאלן ווערן אנהאלטן אונזער מסורה, זיי זאלן האבן אמונה אינעם בורא כל עולמים, דורך דעם וואס זיי שעצן און זיי קוקן ארויף די עלטערן, ח"ו ח"ו אריינברענגן כעס און אויפרעגענישן און אנגעצויגנקייט ביים סדר נאכט, חס ושלום.

## יג

ביים סדר נאכט איז טאקע אנגענומען אז מען רעדט נישט קיין דברים בטלים מען רעדט נישט קיין סתם שטותים און סתם שמועסערייען, און אפילו נישט ביי שלחן עורך. דארף א טאטע זיך גוט צוגרייטן וואס ער גייט רעדן און פארציילן ביי שלחן עורך.

## יד

אז מען רעדט שוין פון דעם דארף מיר אונז דא פארלייגן וואסערע תורות איז גוט אז א טאטע זאל זיך צוגרייטן, סיי פארן סדר און סיי פאר שלחן עורך און ביי די יום טוב'דיגע סעודות.

די תשובה אויף דעם איז אזוי: די ערשטע זאך איז, סדר נאכט איז נישט געמאכט פאר די טאטע ארויסצוגעבן אלע אויפרעגענישן וואס ער האט אויף די קינדער דורכן גאנצן יאר. סדר נאכט איז געמאכט אז די קינדער זאלן ווערלן הערן און הנאה האבן פון וואס דו זאגסט, זיי זאלן ווערלן זיין ערליכע אידן און זאלן קאכן אין די אמונה. די זמן פון זאגן מוסר פאר די קינדער באופן וואס דו טוסט זיי ווייי און דו מאכסט אז זיי זאלן עס נישט ווערלן אויסהערן אדער זיי זאלן שפירן צעקלאפט, איז נישט ביים סדר.

דאס קענסטו טוהן חול המועד ווען דו זעצט זיך אראפ מיט די קינדער, געזונטערהייט, א טאטע האט א רעכט, סדר נאכט אז נישט א זמן פון זאגן מוסר פאר די קינדער, און אוודאי נישט באופן וואס די קינדער פילן זיך צעקלאפט און איבערגעשטרענגט.

## טו

אויכעט א סדר נאכט איז נישט געמאכט צו זאגן שיינע שווערע תורות, די תורות וואס מען קוקט זיך פאר צו זאגן ביים סדר איז גרינגע תורות וואס אפילו קליינע קינדער וואס זיי קענען

נאך נישט געהעריג פסוקים און מאמרי חז"ל, וועלן עס פארשטיין, און די דערהער דערפון כאפט מען שנעל, נישט לאנגע טייטשן און לאנגע הקדמות, מיט גמרות מיט חז"ל, א קורצע טייטש א שיינע קורצע מעשה, און ברענג ארויס די נקודה, דאס זאגט מען ביים סדר נאכט, נישט מער און נישט וויינינגער, נישט קיין לאנגע מעשיות אויך נישט, ווייל דאס איז נישט געמאכט פאר א סדר נאכט, עס טרייבט אוועק די מח פון די קינדער און פון די מענטשן וואס האלטן מיט דעם סדר.

נאכאמאל, קוק דיך פאר קורצע שיינע טייטשן אויף די הגדה וואס מען דארף נאר זאגן די פסוק, עס געבן א טייטש אריין, איין מאמר חז"ל, נישט אסאך און עס איז נישט טיף, און נישט גג על גג, און לייג צי צו דעם א שיינע מעשה. מען מעג פארברענגן סדר נאכט מיט נאר פארציילן מעשיות וואס דו האסט געזעהן אין ספרים אין גליונות, וואס האט צוטוהן מיט די סדר נאכט. די עיקר רעיון פון די סדר נאכט דארף זיין אריינצוברענגן אין די קינדער אן אהבה צום אייבערשטן, אמונה אינעם אייבערשטן, מסורה אין וויאזוי אונזערע צדיקים האבן געקוקט אויף יעדע זאך, געטראכט אויף יעדע זאך, און געטוהן אויף יעדע זאך.

צו פארציילן מופתים און מעשיות פון צדיקים איז זייער א שיינע זאך, עס איז דא הערליכע מדרשים וועגן יציאת מצרים, וועגן קריעת ים סוף, וועגן די אידן אין די מדבר דאס איז זייער שיין צו פארציילן. סדר נאכט עס איז אבער נישט א זמן אויסצוניצן ארויסצוגעבן אלע ווייטאגען וואס מען האט א גאנץ יאר. יא מען דארף רעדן שלא שינוי את שמם לשונם ומלבושים, בדרך כלל, קוק דיך פאר שיינע מדרישים אויף דעם, שיינע תורות, שיינע מעשיות, אלעס אויף א לייכטע וועג.

## טז

אויכעט עס איז דא מענטשן וואס זיי טייטשן יעדעס ווארט און זיי זענען מסביר יעדעס ווארט. די הגדה איז זייער א לאנגע הגדה אויב מען טייטשט יעדעס ווארט, און אויב מען איז מסביר יעדעס ווארט. דו מוזט טראכטן צו די אלע מענטשן וואס זיצן ביי דיר ביים סדר זענען ביכולת מיטצוהאלטן אז יעדע ווארט ווערט געטייטשט און מסביר געווען.

איך ווייס אז ביי אסאך משפחת איז דאס געווען די מנהג, און די סדר אין די פריערדיגע דורות, און די וואס האבן זיך אזוי געפירט זאלן עס ווייטער טוהן. אבער עשה כחכמתיך, צו דו דארפסט מאריך זיין, צו דו דארפסט מקצר זיין, אז דו זעעסט אז דו ביסט פארלירן, די עולם האלט נישט מיט, הייב אן זאגן קערצער, מער ווערטער, און דערנאך ברענג עס צוריק.

איך האב געהערט פון אסאך אידן פון די פריערדיגע דור וואס זיי האבן אינמיטן סדר צוגעגרייט געוויסע ניגונים אריינצוברענגן א געשמאק, אז מען זאגט און מען זאגט און מען פארלירט זיך, האט מען געזינגען אזעלכע ניגונים פון אמונה, אין כאלוקינו, ניגונים וואס ברענגט א געוואלדיגע אהבת הקב"ה, א בענקעניש צו אונזער הייליגע באשעפער, און מיט דעם ווייטער ממשיך געווען די סדר.

לאנגע תורות, לאנגע מעשיות, לומדישע תרות, זאגט מען נישט ביים סדר נאכט, עס שטערט דעם סדר. מען דארף זייער אסאך כוחות אריינלייגן אז א גאנצע סדר זאל די טאטע זיצן מיט א שמייכל, מיט א שמחה אויפגעצויגן אויף זיין פנים, מיט א מורא'דיגע רואיגקייט, מיט א מורא'דיגע באקוועמקייט, אלעס זאל דורכגיין רואיג.

מען דארף אויך געדענקן אז ווען קינדער בראקן און מען געבט זיי פלעסטיג כלים דארף מען נישט מקפיד זיין. בראקן ביי חסידים איז געווען זייער א הארבע זאך, אבער אוועקנעמען די שמחת יו"ט און א גאנצע סדר און יו"ט'דיגע סעודות שרייען שרייען און שרייען, דאס איז נישט געווען די מהלך פון אונזערע עלטערן, דאס האבן זיי נשט געטוהן מיר האבן היינט פלעסטיג און פאפיר כדי די קינדער זאלן האבן א שמחת יו"ט.

אוודאי די טאטע מעג האלטן און איין מעורר זיין און זאל מעורר זיין ביי אונז האט מען נישט געבראקט, מען דארף היטן נישט צו בראקן. אבער קוק נישט, דארפסט נישט אלעס זען, בארואיג זיך זיי וועלן עלטער ווערן וועלן זיי מיטקומען, ווי מער דו וועסט ארויפלייגן א לחץ און אן אנגעצויגנקייט ווען זיי פארשטייען עס נאכנישט, דאס וועט זיי נישט ברענגן קיין גרויסע ריוח. לאז. איך האב געזעהן ביי צדיקים און גדולים אז זיי האבן זיך געמאכט ווי זיי זעהן נישט. די עיקר איז עס זאל זיין א שמחת יו"ט.

די אמת איז עס אז עס איז נאך דא אסאך זאכן צו רעדן, איך וועל זיך דא אפשטעלן און אויב עס איז דא זאכן וואס מענטשן ווילן מען זאל מאריך זיין אויף נאך ענינים וויאזוי צו פירן א סדר, אז מען וועט לאזן א מעסעדזש אויף 99 וועלן מיר רעדן ווייטער, ווייל איך ווייס נישט צו איינער איז אינטערעסירט אין די שיעור, און צו עס איז באלערנד געווג, און צו מען טוט אויף. וועלן מיר עס איבערלאזן דא, און אויב עס וועט זיין א בקשת הרבים וועט מען רעדן ווייטער.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז יעדער זאל האבן א חג כשר ושמח, באמת הנאה האבן פונעם יו"ט און קענען ברענגן די קינדער צו שמחה צו אמונה צו עבודת ה' אונז זאלן אלע זוכה זיין צו אך טוב וחסד און מען זאל זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו במהרה דידן אמן.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך,
שיקט צו:
gilynospm@gmail.com

# אור לנתיבתי

## דרך החינוך בשמירת עינים

שאלה: איז א מהלך צו נעמען די קינדער אין גוישע געשעפטן, און אין די אלע פלעצער וואו עס איז דא א פראבלעם מיט ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם (במדבר טו, לט), וואו מען קען פוגם צו זיין אין שמירת עינים, און זיי מחנך זיין וויאזוי מען היט די אויגן, זיי וועלן זען וויאזוי די טאטע-מאמע היטן די אויגן בקדושה וטהרה, דא קוקט מען יא, דא קוקט מען נישט. דא גייט מען יא, דא גייט מען נישט. אזוי ווען זיי וועלן ווערן גרויס זענען זיי שוין מחונך פון קליינערהייט וויאזוי מען גייט אריין אין די אלע שווערע פלעצער, וואס מען האט היינט צוטון מיט שמירת עינים. זיי ווייסן וויאזוי זיך צו האלטן און וויאזוי זיך צו היטן, און וואס איז די עבודת הקודש פון א איד. אדער איז דא אן איסור צו גיין אין די אלע פלעצער, און מען טאר נישט נעמען דארטן די קינדער. וואס איז די רווחים און די הפסדים. עס זענען פארהאן מענטשן וואס זיי טראכטן: אפשר די גרויסע פראבלעם פון שמירת עינים ביי עלטערע מענטשן קומט, ווייל אינגערהייט האבן זיי נישט געהאט די נסיונות, קיינער האט זיי נישט אויסגעלערנט וויאזוי מען גייט אין די פלעצער בקדושה וטהרה, וויאזוי מען היט זיך די

**אויגן. דעריבער פאלן זיי אדורך ווען זיי ווערן גרויס. אנדערע זאגן: אפשר נישט, אפשר דארף איך אים אויסלערנען די עניני 'שמירת עינים' אויף די נסיונות וואס ער האט אטאמאטיש. וויאזוי צו גיין אויף די גאס, גיין אין א געשעפט, גיין צו א חתונה. וואס דארף איך אים טראגן אין א פלאץ וואס איז וודאי עלול עובר צו זיין אויף שמירת עינים. איך בין אים מחנך אזוי ווי עס שטייט אין די תורה, אלע מצוות עשה, אלע מצוות לא תעשה, און איך לערן אים אויס וויפיל איך קען, און מען בעט דעם אייבערשטן אויף סייעתא דשמיא.**

תשובה: עס שטייט אין די תורה (דברים יא, יט) **ולמדתם אותם את בניכם**, עס איז א חיוב אז א טאטע דארף לערנען תורה מיט זיינע קינדער. ביי די יו"ט פסח שטייט (שמות יג, ח): **והגדת לבנך ביום ההוא לאמר**, עס איז דא א מצוות עשה דאורייתא פון והגדת, פארציילן אלע ניסים ונפלאות וואס דער הייליגער באשעפער האט מיט אונז געטון. נאכדעם איז דא א מצוות עשה מדברי קבלה (משלי כב, ו): **חנוך לנער על פי דרכו**. דער **משך חכמה** שרייבט (פר' וירא יח, יט): אז די מקור פון חינוך איז פון חנוך לנער עפ"י דרכו, אבער דאס איז נאר אויף מצוות לא תעשה, אבער אויף מצוות עשה, האבן מיר נאך א מקור. עס שטייט אין די תורה אז דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר אברהם אבינו (בראשית יח, יט): **כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט**. און דאס גייט ארויף אויף מצוות עשה, און דאס איז א חיוב גמור מן התורה. און דער משך חכמה לערנט אריין אינעם פסוק: דער אייבערשטער האט ליב געהאט אברהם אבינו ווייל ער האט אויסגעלערנט זיינע קינדער די מצוות עשה.

ווערלן מיר בקיצור אומר זאגן, וואס עס שטייט אין די פוסקים, אלס די חיוב חינוך. **א.** טאמער א קינד אונטער דריי יאר, טוט א דבר איסור מן התורה, דארף מען אים נישט אפשיידן פון דעם, אבער מען טאר אים

נישט צופירן עובר צו זיין אן איסור דאורייתא, און אויך נישט אן איסור דרבנן. **ב.** א קטן פון די דריי יאר און ווייטער, וואס ער איז שוין מער פארשטענדליך, טארן אים נישט די עלטערן לאזן טון אדער עסן א דבר איסור. **ג.** טאמער איז ער שוין עלטער פון דעם, דעמאלסט פון ווען ער קומט שוין אריין אין די גיל פון חינוך, דאס מיינט פון פינף זעקס יאר און ווייטער, זענען נישט נאר די עלטערן מחויב, נאר אפילו אנדערע מענטשן זענען שוין מחויב אים אפצושיידן, סיי פון אן איסור דאורייתא, סיי פון אן איסור דרבנן. **ד.** עס שטייט אין די פוסקים, אז א טאטע איז מחויב אפצושיידן און אפהיטן זיין זון, פון רעדן לשון הרע, פון שקר, פון קללות, פון מחלוקת, פון אלע איסורי לאווין דאורייתא ודרבנן. **ה.** נאכמער שטייט אין די פוסקים, אז א קטן וואס ער האט גע'גנב'עט אדער מזיק געווען, דארף אים די טאטע באשטראפן, כדי ער זאל נישט עובר זיין אויף די אלע איסורים. **ו.** כאטשיג מצד הדין, דארף די קטן נישט באצאלן, נאכאלס שרייבן די פוסקים אז לפנים משורת הדין, ווען ער ווערט גרויס, זאל ער באצאלן. **ז.** און פונקט אזויווי עס איז דא א מצוה מחנך זיין די קינדער אויף מצוות עשה, און זיי אפשיידן פון איסורים, שטייט אין די פוסקים א חיוב מחנך צו זיין א קינד צו קדושה, צו יראת שמים, ער זאל אויפוואקסן בקדושה וטהרה.

**ח.** נאכמער שטייט אין די פוסקים, אז אפילו א קינד וואס ער איז נאך ווייניגער פון צוויי יאר אלט, וואס מען דארף אים נישט אפשיידן פון א דבר איסור, איז דא א גרויסע עול און התחייבות אויף די עלטערן, אז מען זאל אים יא אפשיידן פון יעדע דבר איסור, כדי עס זאל נישט שאטן פאר די קדושה פון זיין מח, וואס אפילו א קליין קינד עסט א דבר אסור, אדער טוט א דבר אסור, איז עס שעדליך פאר אים, אויף די עלטערע יארן גייט ער זיך מיט דעם מוטשענען. ממילא ברענגן די פוסקים, מען דארף זייער היטן די קינדער זאלן נישט הערן קיין שום נגונים וואס עס ברענגט נישט קיין קדושה וטהרה, און זיי זאלן נישט זען קיין שום בילד וואס קען ח"ו בלייבן שעדליך פאר די קינדער אין די עלטערע יארן. מען זעט ביי די מצוה פון הקהל, שטייט (דברים לא, יב): **הקהל את העם האנשים והנשים והטף.** און די תורה שרייבט (שם יג): **ובניהם אשר לא ידעו ישמעו ולמדו ליראה את ה',** זיי קענען נאכנישט לערנען, אבער זיי גייען קומען הערן, זייער נשמה, זייער מח, גייט אויפכאפן די דברים שבקדושה, און אזוי גייען זיי אויפוואקסן.

מען זעט אין די תורה, אז עשיו מיט זיינע ווייבער זענען געווען ביי יצחק און רבקה אינדערהיים, שטייט אין פסוק (בראשית כו, לה): **ותהיין מורת רוח ליצחק ולרבקה,** פאר יצחק און רבקה, אז ער האט חתונה געהאט מיט ווייבער עובדי עבודה זרה. זאגט דער **מדרש** (בר"ר סה,ב), פארוואס שטייט קודם יצחק און נאכדעם רבקה, פארוואס שטייט נישט ביידע אויף איינמאל, פאר זיינע עלטערן, נאר עס שטייט ליצחק ולרבקה, כאילו עס איז דא צוויי זאכן? ענטפערט די מדרש: רבקה אמנו איז אלט געווען דריי יאר ווען זי איז אוועקגעגאנגען פון איר טאטענס שטוב, אבער דריי יאר האט זי זיך צוזאמגעזען מיט אלע עבודה זרה'ס, און מיט אלע טריפה'נע טמא'נע זאכן, ממילא אפילו יעצט אויף די עלטער, האט זי נאך אלס נישט געהאט די געוואלדיגע קדושה וטהרה, משיג צו זיין די גרויסע פראבעלעם וואס עשיו און זיינע ווייבער ווערטשאפטן אן אין שטוב, מה שאין כן יצחק וואס איז אויפגעוואקסן ביי אברהם אבינו אין שטוב, איז ער געווען מער סענסיטיוו און מער פארשטענדליך, און מיט מער קדושה, אז ער האט קודם געכאפט די חומר הדבר וואס טוט זיך מיט עשיו און זיינע ווייבער, און ערשט נאכדעם איז רבקה אפיר געקומען. אזוי זאגט די מדרש. און דא רעדט מען פון רבקה וואס איז געווען דריי יאר ווען זי איז אוועק פון טאטענס שטוב, און מען רעדט יעצט זעכציג יאר שפעטער. פארשטייט יעדער איינער, אז ווען א קינד זעט, עסט, טוט, א דבר אסור, אפילו ווען ער איז נאך גאר קליין, איז דא א פראבלעם אין די עלטערע יארן, עס ברענגט א פגם אין די נשמה הקדושה והטהורה.

**ט.** דער **פרי מגדים** (פתיחה כוללות ח"ב אות ג) שרייבט: אפילו מיר פסק'ענען אז א קטן איז פטור מן התורה פון די מצוות עשה בקום ועשה, אבער במצוות לא תעשה, איז א קטן יא מחיוב, נאר זיי האבן נישט קיין דעת, האב איך נישט וויאזוי זיי זאלן דאס מקיים זיין, אבער א חיוב האבן זיי. יא, דער **מנחת חינוך** און אנדערע פוסקים קריגן זיך, אבער עכ"פ דאס איז די דעה פון דער פרי מגדים.

יעצט לאמיר אריינגיין אין אונזער שאלה: **וואס איז חינוך?** חינוך מיינט: מחנך זיין די קינדער אויף וואס עס שטייט אין די תורה. עס שטייט אין די תורה מען דארף טון מצוות בקום ועשה - זיי אים מחנך צו טון מצוות בקום ועשה. עס שטייט אין די תורה, מצוות לא תעשה - זיי אים מחנך זיך אפצוהיטן פון אלע מצוות לא עשה, אלעס וואס מען טאר נישט טון,

זאל דאס קינד נישט טון. און נאכדעם איז דא א כלליות'דיגע מצוות חינוך, אז מען דארף טון אלעס אז דאס קינד זאל אויפוואקסן בקדושה וטהרה. דאס איז חינוך.

חינוך איז נישט, איך זאל אים אויסלערנען זאכן אין זיין לעבן, וואס איך טראכט אז דאס איז פאר אים א טובה. דאס שטייט נישט אין די מצוות חינוך. מצוות חינוך טייטשט: לערן אים אויס די דאורייתא, דרבנן, די מנהגים, די מסורה, געוויין אים צו דאס צו טון.

אין די תורה שטייט: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם, מיר זאגן עס יעדן טאג עטליכע מאל ביי קרי"ש. די גמרא ברענגט (סוטה דף ח): דער יצר הרע געוועלטיגט נישט, נאר במה שעיניו רואות. די יסוד פון דער יצר הרע איז, די ראיית עינים. חז"ל זאגן (ירושלמי ברכות א, ה) רש"י ברענגט עס (במדבר טו, לט): די לב די הארץ, די עינים די אויגן, זיי זענען די גרעסטע איבערעדערס פאר א מענטש צו טון עבירות. די אויג זעט, די הארץ גליסט, און נאכדעם קומט די גוף און ער טוט די עבירה. די איסור פון הרהורי עבירה איז נישט נאר אן איסור, ווייל נאכדעם גייט מען טון אן עבירה. א הרהור פון אן עבירה, זאגט די גמרא (יומא כט) איז אן איסור בפני עצמו. דאס איז א געוואלדיגע פגם אין די נשמה קדושה וטהורה פון א איד. די גמרא ברענגט (נדרים כ): רב אחא ברבי יאשיה זאגט, ווען איינער קוקט אויף נשים, די סוף איז אז ער וועט קומען לידי עבירה. חז"ל זאגן (כתובות יג:): אין אפוטרופוס לעריות, אזויווי עס שטייט אין ירושלמי (כתבות פ"א סוף הלכה ח) אז אפילו א חסיד שבחסידים קען מען נישט שטעלן קיין אפוטרופוס אויף עריות. עריות איז א זאך וואס חז"ל זאגן אז עס ציט. עס איז מושך און מען קען נישט טרעפן קיין שום וועג צו זאגן אז מיר וועט עס שאטן, מיר וועט עס נישט שאטן, ער איז אנדערש. עס איז א שעדליכע זאך אויף יעצט, און אויף צוברענגן עבירות.

אין מדרש (ילקוט שמעוני פרשת ויחי) איז דא די באקאנטע מעשה פון רבי מתיא בן חרש. ער איז געזעצן אין בית מדרש און געלערנט תורה, זיין פנים האט געלאכטן ווי די מלאכי השרת, ער האט קיינמאל נישט פוגם געווען אין שמירת עינים. איינמאל האט די שטן מורא'דיג מקנא געווען אין אים, און ער האט געזאגט: ווי קען דאס זיין א בשר ודם וואס האט

קיינמאל נישט געזונדיגט? האט ער געזאגט פארן הייליגן באשעפער: רבוש"ע, וויאזוי קוקסטו אן, כביכול הייליגער באשעפער, דעם רבי מתיא בן חרש? דער באשעפער האט געענטפערט: ער איז א צדיק גמור. האט געזאגט דער יצר הרע: גיב מיר רשות, איך וויל אים איבעררעדן צו אן עבירה. האט דער הייליגער באשעפער געענטפערט: דו וועסט אים נישט בייקומען. האט ער געזאגט: איך וויל פראבירן. האט דער באשעפער געזאגט: גיי. דער שטן האט זיך פארשטעלט ווי א שיינע פרוי, וואס אזא שיינקייט איז נאכנישט געווען פון די טעג פון נעמה אחות תובל קין, וואס די מלאכי השרת האבן דורכגעפאלן מיט איר. און דער יצר הרע האט זיך געשטעלט מיט די צורה קעגן רבי מתיא בן חרש. רבי מתיא בן חרש האט אוועקגעדרייט די פנים רעכטס און לינקס, נאכאמאל רעכטס און נאכאמאל לינקס, און דער יצר הרע מיטן געשטאלט פון א פרוי האט זיך געשטעלט אויף יעדע זייט וואו ער האט זיך געדרייט. האט רבי מתיא בן חרש געזאגט, ער האט מורא אז דער יצר הרע גייט אים יעצט מאכן זינדיגן. וואס האט ער געטון? ער האט גערופן א תלמוד וואס איז געווען זיין משרת, ער האט אים געזאגט ער זאל ברענגן פייער מיט א נאגל. דער תלמוד האט אים געברענגט פייער מיט נעגל. און אזויווי דער שטן האט דאס געזען, האט ער געכאפט א ציטער, און ער איז אונטער געפאלן. וואס האט רבי מתיא בן חרש געטון? ער האט געמאכט הייס די נעגל, און זיך צושטאכן די אויגן, ער זאל נישט דורכפאלן. דער הייליגער באשעפער האט דאס געזען, האט ער גערופן דעם מלאך רפאל און אים געזאגט: גיי הייל אויס רבי מתיא בן חרש. איז דער מלאך רפאל געקומען און זיך געשטעלט קעגן רבי מתיא. האט רבי מתיא געפרעגט: ווער ביסטו? האט ער אים געזאגט, אז ער איז דער מלאך רפאל, דער אייבערשטער האט אים געשיקט אויסהיילן די אויגן. האט ער געזאגט: ניין, ער איז נישט מסכים, לאז אפ, עס איז שוין געענדיגט, די אויגן איז שוין אויסגעשטאכן. איז צוריקגעגאנגן דער מלאך רפאל צום אייבערשטן און ער האט געזאגט, אז ער לאזט זיך נישט היילן די אויגן. האט דער באשעפער געזאגט צום מלאך רפאל, גיי זאג אים, אז דער הייליגער באשעפער איז ערב, אז דער יצר הרע גייט מער נישט קענען שולט זיין אויף אים, און ער האט אים אויסגעהיילט. פון דא לערנען די חכמים ארויס, אז ווען איינער איז נישט מסתכל אויף נשים, און אוודאי נישט אויף אשת חבירו, איז דער יצר הרע נישט שולט אויף אים. א פחד פון א מעשה! פון די מעשה לערנט מען זיך ארויס, אז דער הייליגער באשעפער

האט ליב און רופט א צדיק גמור, איינער וואס ער היט די אויגן מתחילה ועד סוף. דאס איז די חומר הדבר פון שמירת עינים.

די גמרא ברענגט (ברכות לב): אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, עס איז א משל צו א מענטש וואס ער האט געהאט א זון, ער האט אים גוט אפגעוואשן, ער האט אים אנגעשמירט מיט גוטע אוילן וואס שמעקן גוט, ער האט אים גוט אנגעגעסן, און ער האט אים נאך געלייגט א פערפיום, שמעקעדיגע בשמים אויף זיין האלז, און ער האט אים געזעצט ביי א טיר וואו מען איז עובר אלע עבירות. זאגט די גמרא די ווערטער: מה יעשה הבן שלא יחטא - וואס זאל די זון טון אז ער זאל נישט זונדיגן?! די גמרא זאגט נישט: יא שמיר אים אן, עס אים אן, לערן אים אויס עוסק צו זיין אין די עולם הזה, און זיי מחנך צו זיין הייליג... די גמרא זאגט: מה יעשה הבן שלא יחטא, וויאזוי קען א זון נישט זונדיגן, אז דו טראגסט אים אריין אין אזעלכע נסיונות?!

דער **ספר חסידים** (סימן י) שרייבט: חסידות איז זייער שווער פון אנפאנג, דאס דארף מען שוין אנפאנגן פון די יונגע יארן, יעדע דבר חסידות דארף מען זיך איינפירן יונגערהייט, ווייל דער יצר הרע איז זייער א שווערע, און ער רעכנט דארט אויס, אז מען זאל נישט זען קיין נשים, און נאך זאכן וואס א מענטש דארף זיך מחנך זיין פון קליינערהייט אן, כדי ווען ער ווערט עלטער ווערן זאל ער זיין צוגעוואוינט אויף די ענין פון היטן די אויגן.

אין **שאלות ותשובות רדב"ז** (ח"ב סי' תש"ע) שרייבט ער: וואס דו האסט מיר געפרעגט א שאלה, אויף דעם וואס עס שטייט אין די גמרא (ברכות סא) אז מען זאל ענדערשער גיין אונטער א לייב און נישט אונטער א פרוי, צי עס גייט אן אפילו אין היינטיגע צייטן וואס די פרויען גייען פארדעקט ביז די פיס, און עס איז נישט דא גארנישט וואס צו קוקן אויף די פרוי, ווייל עס איז פארדעקט פון קאפ ביז פיס, עס איז נאר דא צוויי לעכער ביי די אויגן, און מען קען עס אפילו נישט זען. וואס ענטפערט דער רדב"ז אויף דעם? די חכמים האבן נישט געגעבן קיין גדרים אויף זייערע שיעורים, מען טאר נישט קוקן אויף נשים, נישט קיין חילוק צו די פנים איז אפן, צו די האנט איז אפן, צו עס איז אינגאנצן פארמאכט. דאס אליין אז עס איז א פרוי, מען זעט די גיין, מען זעט די צניעות, איז די

הלכה אז מען טאר נישט קוקן, ווייל דאס ברענגט פגמים, עס ברענגט הרהורים, עס ברענגט אז א מענטש פירט זיך נישט אויף בקדושה וטהרה. שרייבט ווייטער דער רדב"ז: וואס מיינסטו, אז אין די צייטן פון די תנאים און אמוראים זענען די פרויען נישט געגאנגען איינגאנצן באדעקט? זיי זענען יא געגאנגען! אבער מען טאר נישט פוגם זיין שמירת עינים, אפילו ווען א פרוי איז פארדעקט פון קאפ ביז פיס.

די גמרא ברענגט (ע"ז כ): **ונשמרת מכל דבר רע** (דברים כג, י), אז א מענטש זאל נישט טראכטן בייטאג און קומען ח"ו בייאנאכט צו ווערן אום ריין. **תוספות** (ד"ה שלא יהרהר) זאגט דארט, אז עס איז א געהעריגע דרשה, עס איז אפילו נישט קיין אסמכתא. און ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם איז א לאו דאורייתא. אין שו"ע (אב"ע סי' כא ס"א) זאגט דער מחבר: צריך אדם להתרחק מן הנשים מאוד מאוד, זייער זייער שטארק. עס איז דא א קבלה (עי' תפארת יוסף להגר"י ענגיל זצ"ל פר' שמות שמדייק כן מגמ' שבת ריש ק"נ, וכ"כ בספה"ק צמח ה' לצבי פר' ואתחנן) אז איבעראל וואו עס שטייט 'מאוד מאוד' מיינט, עס האט נישט קיין שיעור, ווייטער ווייטער און ווייטער. דער מחבר שרייבט (אבה"ע סי' כג ס"א) אז הסתכלות איז פון די הארבסטע עבירות וואס איז נאר דא אין די תורה. די גמרא (ב"ב נז) זאגט, אז טאמער עס איז דא א דרכא אחרינא, א צווייטע וועג צו גיין, און מען גייט אויף א פלאץ וואו עס איז דא נשים, אדער פריצות, און ער קען גיין אויף אן אנדערע וועג, און ער גייט אויף די וועג, אפילו מיט פארמאכטע אויגן, ווערט ער אנגערופן א רשע.

דער הייליגער **בני יששכר** זצוק"ל שרייבט אין ספה"ק **דרך פיקודיך** (מל"ת לה חלק הדיבור אות ו): "איך האב געזען ביים הייליגן צדיק **רבי יעקב יצחק פון לובלין**, דער הייליגער רבי פון לובלין זצ"ל, וואס זיינע אויגן זענען געווען ברשותו, און ווען ער האט געקוקט פנים בפנים, האט ער נישט געזען נאר וואס ער קען זיך ארויסלערנען עבודת ה', גארנישט עפעס אנדערש. עס שטייט אין די תורה, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, דאס גייט ארויף אויף קוקן, אבער טאמער א מענטש האט געזען פלוצלונג אן א כוונה, איז ער נישט עובר אויף דעם, אבער תיכף דארף ער צומאכן די אויגן. א מעננטש דארף מתפלל זיין אז דער הייליגער באשעפער זאל אים אפהיטן פון ראיית עינים. דוד המלך האט מתפלל

געוועהן (תהלים קיט, לז), **העבר עיני מראות שוא** - זאגט דער הייליגער דרך פיקודיך, הערט ווערטער! - די זען פון די אויגן איז נישט אין די רשות פון א מענטש, פלוצלונג קומט א ראיה וואס מען טאר נישט זען, און ער קען פלוצלונג הנאה האבן און קוקן דערויף, און האבן הרהורים. מען דארף מתפלל זיין, און טון יעדע פעולה, אז עס זאל נישט געשען קיין פלוצלונגדיגע קוק, מען קען אפילו נישט אויף דעם זיך אפהיטן. זאלסטו וויסן מיין גוטע פריינט, אסאך מענטשן טראכטן, אז נישט קוקן אויף נשים איז א מילי דחסידי, דאס איז אן איסור גמור מדאורייתא, און די וואס זענען מיקל, אוי לנפשם! חז"ל זאגן (יומא עד:): עס שטייט אין פסוק (קהלת ו, ט): **טוב מראה עינים מהלך נפש**, זאגט רש"י: עס איז ענדערשער פאר די יצר הרע מחטיא צו זיין, מאכן זינדיגן א מענטש, מיט שמירת עינים, מער ווי צו טון א מעשה איסור. מען מיינט אז דאס איז א חסידות, חלילה וחלילה צו הערן וואס זיי זאגן! אפילו א מענטש וואס ער ווייסט ביי זיך, אז ער וועט נישט נתפעל ווערן דורך הסתכלות, איז ער עובר אויף דאורייתא ודרבנן, און טאמער ח"ו ער ווערט יא נתפעל, גדול עוונו מנשאו. און ממילא זאל זיך א מענטש נישט ארומשפילן, און נישט קוקן אוף קיין שום דבר איסור, און זיך נישט דרייען אויף א פלאץ וואו מען קען צוקומען צו די נסיון, וואס א מענטש האט אפילו נישט עכט קיין שליטה דערויף, נאר מיט גרויס סייעתא דשמיא מרובים".

"עס זענען דא מענטשן וואס זיי טראכטן: איך זע גארנישט, איך טראכט גארנישט, ער איז א בחינה פון דוד המלך, לבי חלל בקרבי... אויב אזוי וויל איך פרעגן אזא שאלה? ווער קען מתיר זיין וואס די חז"ל האבן גע'אסר'ט?! וועט דען א מענטש זאגן אויף א גזירה פון די גזירות חז"ל, אז וויבאלד איך ווייס אז איך גיי נישט עובר זיין אויף די תורה, מעג איך עובר זיין אויף די גזירה וואס די חכמים האבן גוזר געווען, ווייל איך ווייס ביי מיר, אז איך וועל נישט קומען עובר זיין אויף די תורה? ח"ו! וואס די חכמים האבן גע'אסר'ט, וואס די תורה האט גע'אסר'ט, איז אסור, און קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען דערפון, אויף קיין שום וועג נישט! וואס זעט מען ביי רבי ישמעאל בן אלישע? ער האט געזאגט, אקרא, איך וועל ליינען שבת ביי די לעכטל, און איך וועל נישט צורירן דאס לעכט, איך וועל נישט בייגן, און ער האט זיך טועה געווען מיט דעם". ביז אהער זענען די הייליגע ווערטער פונעם ספה"ק דרך פיקודיך.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! די גמרא ברענגט (סוכה מב.), א קטן וואס ער קען שוין רעדן, לערנט אים די טאטע אויס תורה. עס איז דא א מחלוקת צו עס איז א חיוב מן התורה אדער מדרבנן, אבער א חיוב איז עס. די פוסקים ברענגן, אז ווען א טאטע נעמט א קינד אויף א פלאץ וואו ער קען אים מכשיל זיין צו עובר זיין אן איסור, איז די טאטע עובר אויף די איסור פון ולפני עיוור לא תתן מכשול, אדער וויבאלד עס וועט אים שאטן אויף די עלטער יארן, ווייל יעדע פגם אין שמירת עינים, איז נעבעך שעדליך אויף די עלטערע יארן, עס איז מטמטם די קאפ שוין יעצט אויף שפעטער. איז דער טאטע שוין יעצט עובר אויף לפני עיור לא תתן מכשול.

מען זאגט נאך בשם דער הייליגער **סאטמאר רבי, בעל דברי יואל** זצוק"ל. אז ער האט געפרעגט אמאל א איד: "וואס גייסטו אויף אזעלכע פלעצער, מען קען דאך דארטן פוגם זיין אין שמירת עינים?!". האט דער איד געענטפערט: אז עס מאכט שוין אויף אים נישט קיין איינדרוק... האט דער רבי זצוק"ל געזאגט: וויפיל עבירות האסטו געדארפט עובר זיין, אז עס זאל שוין נישט מאכן אוף דיר קיין איינדרוק?!...

אין ספר **בן איש חיל** פון דעם **בן איש חי** זצ"ל (חלק ג עמ' קמז), ברענגט ער בשם **ילקוט אליעזר**: ווען א פלייש וואס איז טריפה פאלט אריין א כשר'ע טאפ, קען די כשר'ע טאפ ווערן טריפה. אבער א כשר שטיקל פלייש וואס פאלט אריין אין א טריפה'נע טאפ, קען עס נישט מאכן כשר דעם טריפה'נע טאפ. טריפה איז טריפה, און מען קען עס נישט כשר'ן, אן איסור בלייבט אן איסור, און מען קען עס נישט כשר'ן. און לפי"ז, אז עס שטייט אין די תורה ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם, קען מען דאס נישט רוקן פון פלאץ.

די גמרא ברענגט (ברכות סא) כל המסתכל אפילו באצבע קטנה של אשה, און ער האט הנאה דערפון, אפילו ער האט תורה און מצוות ווי משה רבינו לא ינקה מדינה של גהינם.

דער **סטייפלער גאון** זצ"ל האט געזאגט, אז טאמער עס קומט אריין אין די מח פון א מענטש א נישט ריינע בילד, זיין לעבן איז נישט קיין לעבן, און מען ליידט דערויף די גאנצע לעבן. אפילו דער אייבערשטער העלפט, און מען איז זוכה תשובה צו טון, וועט ער דארפן האלטן זיין גאנצע לעבן שווערע מלחמות, אוועקצונעמען פון זיין מח די אלע בילדער, עס וועט

ארויסקומען ספעציעל בשעת ווען ער לערנט און ער דאווענט און ער טוט מצוות. יעדע ראייה אסורה ברענגט תאוות, חשק צו טון עבירות.

עס איז געווען אמאל א בחור, ער איז געווען אויף א באס, און ער האט זיך זייער געהיטן די אויגן. דער דרייווער איז געווען א פראסטער, האט אים דער דרייווער געזאגט: "קוק וואו דו האלסט אויף די וועלט, דו דארפסט זיך איינהאלטן, דו טארסט נישט קוקן, דו האסט מורא טאמער דו וועסט קוקן וועט עפעס געשען" - זאגט דער דרייווער אויף זיך, ער איז שוין אן עלטערע מענטש, ער איז שוין זעכציג יאר, ער קען קוקן! האט אים דער בחור געענטפערט: "מיין טייערע פריינד! איך וועל דיך מסביר זיין. איך ב"ה, בין איך זעכצן יאר אלט, און איך האלט מיך איין, איך קען מיך איינהאלטן פון קוקן. דו ביסט נעבעך זעכציג יאר, און דו קענסט דיך נעבעך נישט איינהאלטן פון קוקן!"...

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! אונזער חיוב פון חינוך איז, צו מחנך צו זיין אונזערע קינדער, דאס איז אסור, און דאס טאר מען נישט טון, און דאס דארף מען זיין אפגעהיטן. אונזער מצוות חינוך איז נישט, צו ברענגען פאר אונזערע קינדער אלע איסורים פון די תורה, און זיי ווייזן וויאזוי זיך פורש צו זיין. אונז דארף מיר ארייינלייגן אין זייער קאפ, אין זייער מח, די תורה; די מנהגים; די מסורה; די קדושתן וטהרתן של כלל ישראל, אז ווען זיי וועלן זיין גרויס וועלן זיי היטן די תורה, און זיי וועלן וויסן וויאזוי צו היטן די תורה, ווייל די תורה גיבט סייעתא דשמיא. **אבער חלילה וחלילה צו גיין נעמען קינדער און זיי מאכן עובר זיין אויף חמורות שבחמורות, ווייל דו ווילסט זיי מחנך זיין, ווען יעדער איינער ווייסט, אז מען קען נישט מחנך זיין אויף אזא זאך, און יעדער איינער ווייסט אז דער יצר הרע איז שולט, און עס איז נישט מעגליך. די טאטע-מאמע קענען זיך קוים איינהאלטן, מען קען נישט מחנך זיין קעגן א יצר הרע, דורך ווייזן. מען איז מחנך א קינד נישט פוגם זיין אין שמירת עינים, דורך אים מקדש און מטהר זיין בקדושה עליונה, מיט תפילה; מיט תורה; מיט זיין אפגעהיטן.** מיט אויסלערנען דאס קינד וויאזוי מען גייט אויף די גאס, וויאזוי מען גייט אין גראסערי, וויאזוי מען גייט אויף א באס, וויאזוי מען גייט אין א קאר, וויאזוי מען גייט צו א דאקטאר. דאס איז שוין איבער איבער געגוג חינוך אויף עבודה אין שמירת עינים. חלילה וחלילה צו נעמען א קינד און אים אריינלייגן אין נסיונות, צו נעמען א קינד צו עובר

צו זיין אויף לאווין אין די תורה, ווייל איך וויל אים מחנך זיין. ח"ו! אונז האבן נישט אזא מצוות חינוך, עס שטייט נישט אזא מצוות חינוך, און מען טאר עס נישט טון. דאס הייסט געגעבן אן איסור פאר א קינד בידים, נישט נאר די טאטע איז אים נישט פורש, נאר ער גיט אים עס בידים. חלילה וחלילה, ח"ו אזוי צו טראכטן.

ווען מענטשן זאגן אמאל, אז מען וויל געבן פאר די קינדער אביסל נאש, אביסל זיך שפילן, כדי זיי זאלן קענען זיך אויסגעבן אביסל מיט די עולם הזה'דיגע וועלט, אז אויף די עלטער זאלן זיי נישט גליסטן דערויף, און זיך נישט נאכגעבן. זיי זאלן זען עס איז א קינדערישע זאך. אזא חינוך האט מען שוין געהערט, מען קען דן זיין דערויף, אבער מען האט עס שוין געהערט, אונז האבן א מסורה, אזא קבלה פון אונזערע עלטערן. פארשטייט זיך, מען דארף וויסן ווען; וואס; און וואו. מען קען נישט נאכגעבן יעדע זאך. אבער די מצוות החינוך מן התורה איז: אפצוהיטן די קינד פון קליינערהייט אז ער זאל נישט האבן קיין שום שייכות מיט עובר זיין אויף אן עשה אדער א לאו, א מנהג אדער א מסורה, און אריינלייגן אין אים קדושה וטהרה, אריינלייגן אין אים אסאך תורה, אסאך יראת שמים. **א טאטע דארף זיצן שבת ביי די סעודה, און רעדן פון שמירת עינים בקדושה וטהרה, רעדן פון זיין אפגעהיטן און נישט עובר זיין אויף ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, מסביר זיין פאר די קינדער די שעדליכקייט. דאס דארף א טאטע טון, און דאס איז די מצוות חינוך.** און נאך א מצוות חינוך איז, נישט צו נעמען די קינדער אויף פלעצער, נישט אין די זומער און נישט אין די ווינטער, וואו מען קען פוגם זיין שמירת עינים. אויב עס איז א הכרח, דארט וועט ער אים אויסלערנען וויאזוי צו היטן די אויגן, און מתפלל זיין אויף אסאך סייעתא דשמיא. ברכה והצלחה און אלעם גוטן.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

קול פנים מאירות: שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א
צענטראלע נומער: 845-414-0076 | א"י: 072-370-1823 |
ענגלאנד: 0330-350-3190 | ארגענטינע: 5411-2152-7691
| אנטווערפן:323-346-0673 | מאנטריאל:438-228-2500